ב"ה

גרעסערע

מוסדות בלעטל

לכבוד יו"ט

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## יום טוב שבועות / גליון ל"א

תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

טאהש

מאנסי יצ"ו

# ובאו כולם בברית יחד

**די לעכטיגע קינדערלעך פון מוסדותינו הקדושים האבן זיך און די לעצטערע וואכן געגרייט ווי עס פאסט אויפ'ן גרויסן און הייליג'ן יו"ט פון שבועות קבלת התורה יעדע כתה אויף זייער שטייגער אינטער די אויפזוכט פון די געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים שיחיו.**

## נורסערי

מלמד: הרב אפרים יואל פיש שליט"א
נכד רביה"ק זי"ע

די לעכטיגע קינדערלעך פון די נורסערי קלאס האבן זיך געגרייט צום הייליג'ן גרויס'ן יו"ט מיט א געוואלדיגע חשק. אינטער די אויפזיכט פון די חשובע מלמד שליט"א.

ווי פאר יעדע יו"ט האט די מלמד מיט זיין געוואלדיגע לשון לימודים ארום גערעדט איבער די גרויסקייט פון די הייליגע יו"ט. אזוי אויך האט ער פארציילט פאר די קינדער שיינע מעשות פון יו"ט שבועות וואס די לעכטיגע קינדער האבן געשלינגען מיט גרויס דארשט יעדע ווארט.

א ספעציעל'ן דגוש האט די געטרייע מלמד געלייגט צו אויסלערנען פאר די לעכטיגע קינדער וואס שטייען אצינד ביי די אנהויב פון זייער לעבן. צו אויסלערנען פאר זיי אסאך ענינים און מנהגים וואס מיר פירן זיך און די הייליגע יו"ט וואס דאס וועט זיי געוויס באגלייטן א גאנץ לעבן.

ווי אויך האבן די לעכטיגע קינדערלעך געמאכט אן הערליכן בארג סיני אלץ אן הכנה צום הייליג'ן גרויס'ן יו"ט. וואס זיי האבן דערנאך עס אהיים געטראגן אז די חשובע עלטערן זאל קענען שעפן דערפון אסאך נחת פון זייער שיינע האנטווערק.

אויך האט די מלמד אויסגעלערנט פאר די לעכטיגע קינדער שיינע ניגונים פונעם הייליגן יו"ט. וואס זיי זאלן קענען נאכזינגען ביי די סעודה אינדערהיים.

## קינדערגארטן

מלמד: הרב שמואל פישער שליט"א

די לעכטיגע קינדערלעך פון די קינדערגארטן קלאס האבן זיך געגרייט צום הייליגן גרויסן יו"ט מיט א געוואלדיגע חשק. אינטער די אויפזיכט פון די חשובע מלמד שליט"א.

די מלמד האט ווי זיין אייגענארטיגע שטייגער אויסגעשפילט די גאנצע מעשה פון קבלת התורה כדי די קינדער זאל עס קלאר ארויס האבן כאילו זיי זענען יעצט דארטן געוועהן אן הערליכע און הייליגע מחזה איז געוועהן ווען די מלמד האט זיי געפרעגט אויב זיי ווילן מקבל זיין די תורה ווען אלע קינדער האבן אינאיינעם געשריגן נעשה ונשמע הויעך און קלאר.

די מלמד האט אויך פארציילט פאר די לעכטיגע קינדער די מעשה פון די בעל אקדמות און די מעשה פון רות. די מלמד האט עס פארציילט מיט אלע פרטים און דעטאלן. אויף א מורא'דיגע קלארע אופן אז די קינדער זאל עס געדענקען מיט א קלארקייט אדרבה פראבירט עס אויס און זעהט זייער קענטעניס.

ווי אויך האבן די לעכטיגע קינדערלעך געמאכט צוויי שיינע קרוינען און א בארג סיני וואס זיי האבן אנגעטוהן ווען זיי זענען אהיים געגאנגען דעם דאנערשטיג. און דעם בארג סיני האט די מלמד אריינגעלייגט אלע מצוה צעטלעך פון די לעכטיגע קינדערלעך פון די גאנצע יאר. פון אינדרויסן איז געליגן א צעטל פון די רבי פאר יעדע יונגל.

**צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות**
**אויף טעלעפאון נומבער 8093 662 (845)**

## כתה א׳

מלמד: הרב חיים ראטענשטיין שליט״א

די לעכטיגע קינדערלעך פון די כתה א׳ קלאס האבן זיך געגרייט צום הייליגן גרויסן יו״ט מיט א׳ געוואלדיגע חשק. אינטער די אויפזיכט פון די חשובע און איבערגעגעבענע מלמד שליט״א.

כאטש וואס די לעכטיגע קינדערלעך זענען און די טעג פארנומען צו מאכן די ריכטיגע הכנות צום גרויסן און הייליג׳ן ״מעמד חומש סעודה״ וואס ווערט פארקומען תיכף נאך שבועות ווי באריכטעט פארגאנגענע וואך. דאך האט דאס נישט אפגעשטעלט די קינדער פון זיך גרייטן צום גרויסן און הייליג׳ן יו״ט פון קבלת התורה.

די לעכטיגע קינדער האבן די יאר צום ערשט׳ן מאל געלערנט אפאר שטיקלעך פון די הייליגע אקדמות. וואס זיי האבן גוט געחזר׳ט ביז ב״ה זיי קענען עס ישר והפך ווי עס פאסט.

ווי אויך האבן זיי געלערנט די טייטש פון די הייליגע אהבה רבה וואס מיר גיסן דערויף טייכן טרערן און דעם הייליג׳ן יו״ט און מען איז מתפלל ביים רבונו של עולם אז והאר עינינו בתורתך די אייבערשטער זאל אונז לעכטיג מאכן אונזערע אויגן און די הייליגע תורה. און מיר זאלן קונה זיין די הייליגע תורה מיט א קנין נצחי אויף אייביג.

ווי אויך האט די מלמד אהיים געשיקט אן הערליכן שבועות מחזור צו קענען דאווענען דערין און מיט האלטן די דאווענען און ביהמ״ד.

ווי אויך האבן די לעכטיגע קינדערלעך אהיים געטראגן לכבוד יו״ט די טאוול וואס מען האט געניצט במשך די גאצע ימי הספירה. ווען די לעכטיגע קינדער האבן זיך געגרייט צום הייליגן יו״ט דורך חזר׳ן די עברי צעטליך אינדערהיים. און יעדע מאל מען האט געענדיגט חזר׳ן האט מען געקענט ארויף לייגן א בלום אויפ׳ן טאוועל. אזוי האט מען זיך געגרייט אויפ׳ן יו״ט.

## כתה ב׳

מלמד: הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט״א

די לעכטיגע קינדערלעך פון די כתה ב׳ קלאס האבן זיך געגרייט צום הייליגן גרויסן יו״ט מיט א׳ געוואלדיגע חשק. אינטער די אויפזיכט פון די חשובע און איבערגעגעבענע מלמד שליט״א.

די גרויסע קינדער פון כתה ב׳ האבן אריינגעלייגט מורא׳דיגע כוחות זיך צו גרייטן אויף קבלת התורה ווי עס פאסט פאר גרויסע קינדער. זייער עצם לערנען איז געווען מיט א געוואלדיגע התמדה בתורה ווי מען קען זאגן אז זיי האבן זיך ריכטיגע צוגעגרייט צום הייליג׳ן גרויסן יו״ט.

ווי עס פאסט פאר כתה ב׳ קינדער האבן די לעכטיגע קינדערלעך זיך געגרייט אויפן׳ הייליג׳ן יו״ט דורך לערנען די הייליגע אקדמות. ווי די לעכטיגע קינדער האבן אריין געלייגט גרויסע כוחות צו אנקומען וואס מער, אבער אינאיינוואוינעג׳ס גוט קענען. די קינדער האבן געלערנט ביז אות י׳. וואס זיי קענען ישר והפך ב״ה.

די חשובע מלמד האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אז די לעכטיגע זאל גוט קענען די הייליגע אהבה רבה מיט די פירוש המילות כדי זיי זאלן זיך קענען אויסבעטן ביים דאווענען און דעם הייליג׳ן יו״ט שבועות הבעל״ט. וואס ווי באקאנט איז די זמן זייער מסוגל זיך צו אויסבעטן אויף התמדה און קנין בתורה.

ווי אויך האט די חשובע מלמד געלערנט מיט די לעכטיגע צאן קדשים אן א שיעור מנהגים און ענינים פונעם הייליג׳ן יו״ט. יעדע ענין און מנהג האט די מלמד שיין צונומען און עס מסביר געווען פאר זיי. מיט זיין זעלטענעם לשון לימודים.

לכבוד יו״ט האט די מלמד אויסגעלערנט פאר די לעכטיגע קינדער א רייע פון שיינע ניגונים לכבוד יו״ט, ספעציעל האט ער אויסגעלערנט א ניגון אויף די ווערטער פון די הייליגע אוה״ק כי התורה כוללת...

# והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך

## נייעס און באריכטן

פון
בית חינוך לבנות
**בנות חוה**
**ד'טאהש**

# אפדעיט #1

**מיט גרויס פרייד האבן אנשי שלומינו תלמידי וחסידי טאהש אויפגענומען די פרייליכע בשורה איבער די עפענונג פון די נייע בית חינוך לבנות**
**"בנות חוה ד'טאהש"**

און לעצטע צוויי וואכן ווי נאר מען האט געעפענט די רעגיסטראציע האט זיך אנגעזעהן א שטארקע פארלאנג פון אנשי שלומינו וואס ווילן אז זייערע טעכטער זאלן אויך באקומען די הייליגע חינוך אויפ'ן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון רבינו הקדוש זי"ע און ווי עס פירט אונז ווייטער בנו חביבו ויקירו
הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

און די יעצטיגע טעג זיצן די חשובע הנהלה רוחניות פון מוסדותינו הקדושים און גייען אדורך אלע דעטאל'ן פונעם בית חינוך לבנות און גלייכצייטיג גייען זיי אויך איבער די אפליקאציע'ס פונעם מוסדות.
עס איז צום האפן אז עס זאל ארויס קומען די ריכטיגע כבוד שמים דערפון און די חשובע תלמידות זאל'ן שטייג'ן און וואקסן אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה.

**ובחפץ השם בידינו יצליח**

# פונעם סגן מנהל'ס טיש'ל

א גוט יו"ט אלע טייערע עלטערן, מיר שטייען אצינד אין די גרויסע הייליגע טעג פון מתן תורה, טעג וואס כלל ישראל'ס גאנצע חשובת האט זיך אנגעהויבן אט יעצט.

מיר האבן שוין ב"ה אריין אין די ווארימע זוממער טעג און פון אלע זייטן דערקענט זיך די זיסע ואפטיגע שמייכלען פון די לעבטיגע צאן קדשים,די מלמדים לייגן אריין גאר אסאך ענערגיע, שמחה, כח, אז מען זאל ווייטער האבן א געשמאקע "זמן הקיץ" בעזר השם.

פילע כוחות ווערט אריינגעלייגט מטעם ההנהלה אז די קינדער זאלן האבן א ברייטע אויסוואל פון שפילצייג, בייקס א.ד.ג. צו קענען פארברענגען אין חצר התלמוד תורה מיט א געשמאק.

מיר טוען זיך אנטשולדיגן אויף די מצב מיט'ן באס וואס צו אלעמענ'ס צער האט דערווייל די באס נאך נישט קיין "עיר קאנדיש'ן" מען ארבעט דערויף איבער די כוחות און מיר האפן צו קענען בקרוב טוישן צו א נייע גוטע באס, עס איז עדאי מיט צו שיקן מיט אייער קינד א באטל וואסער וואס האט א טרינקן דעקל ער זאל האבן וואס צו טרינקען אויפ'ן באס.

השי"ת זאל העלפן בזכות רביה"ק זי"ע וואס מוסדותינו הקדושים ווערט גערופן אויף זיין הייליגע נאמען, אז מען זאל זוכה זיין צו אסאך לעבטיגע אידיש נחת, און זוכה זיין צו זעהן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות באמת. ונזכה לראות בנין בית המקדש בתפארתו בקרוב.

## יארצייט ו' סיון א' שבועות

### אור שבעת הימים מרן רבינו הרה"ק ישראל ב"ר אליעזר זי"ע, ממעזיבוז "הנקרא רבינו ישראל בעל שם טוב, אדער "דער הייליגער בעש"ט זי"ע"

ער איז געבוירן אין שטאט אקעוו, ח"י אלול בשנת נח"ת. צו זיין טאטע הרה"ק רבי אליעזר זי"ע. און זיין מאמע הצדקת מרת שרה ע"ה וואס ווי באקאנט איז ער געבוירן ווען די עלטערן זענען שוין געווען כמעט הונדערט יאר אלט.

עס איז באקאנט אז די טאטע רבי אליעזר זי"ע ווען ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן, האט ער נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, אויף דער עלטער איז דער טאטע רבי אליעזר דורך א שווערע נסיון, ווען אליהו הנביא איזגעקומען צו די עלטערן פונעם בעש"ט פארשטעלט ווי א פראסטע איד, און זיך אויפגעפריט זייער פראסט און געבעטן פין די עלטערן עסן און א פלאץ צו שלאפן, און די עלטערן האבן דעם גאסט מכבד געווען און זיך נישט געבייזערט.

פאר דער גאסט איז אוועק געגאנגען, האט ער מגלה געווען פאר די עלטערן, אז ער איז אליהו הנביא ז"ל, און ער איז זיי געקומען אויספראבירן, אויב זיי וועלן זיך בייזערן אויפן גאסט, און וויבאלד זיי זענען ביי געשטאנען דעם נסיון, וועלן זיי געבענטשט ווערן מיט א קינד, וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין דרך החסידות, וואס וועט דערלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער ביז ביאת המשיח, און דאן איז זיי געבוירן געווארן א הייליג קינד, וואס איז שפעטער געווען דער בעש"ט הקדוש זי"ע.

ווי באקאנט האבן צדיקים געזאגט, אז בעפאר די נשמה פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע איז אראפ אויף די וועלט, האט דער ס"מ געטון אלע פעולות וואס ער האט געקענט, אז די נשמה זאל נישט אראפקומען אויף די וועלט, טענה'דיג, אז אויב די נשמה וועט אראפ קומען אויף די וועלט, וועט ווערן אזא גרויסע התגלות אויף די וועלט, און עס וועט בטל ווערן דעם כוח הבחירה, און די כח פונעם ס"מ וועט בטל ווערן, ווייל יעדער וועט דאך דינען דעם באשעפער.

אבער די כח הקדושה האט זיך גובר געווען, און די נשמה איז יא אראפגעקומען אויף די וועלט, מיט א תנאי אז ער וועט נישט נתגלה ווערן בעפאר 36 יאר, אויך איז באקאנט, אז דער הייליגער נודע ביהודה זי"ע, וואס איז געווען א שטיק צייט א גרויסע מתנגד פונעם דרך הבעל שם, האט אויך געזאגט, אז ער וועט זיך מתנגד זיין קעגן דעם בעש"ט, און אזוי וועט נישט דיגאנצע וועלט נשפע ווערן פונעם כח הבעש"ט הקדוש, און אזוי האט מען געפועלט בעולם העליון, אז דער הייליגער נשמה זאל אראפקומען אויף די וועלט.

דערפאר איז דער בעש"ט הקדוש, די ערשטע 36 יאר פון זיין לעבן געגאנגען גלות ליידען, אבער ער האט די גאנצע צייט אסאך אידן מקרב געווען צום הייליגער באשעפער, אבער באהאלטענערהייט, ווייל קיינער האט נישט געוויסט זיין גדלות.

דער בעש"ט הקדוש זי"ע איז געווען, אן אור גדול ונורא, פאר ווענען עס זענען נישט געווען קיין מחיצות, קיין אפהאלט, קיין אפשטעל, און וועמענס כוח האט זיך אנטפלעקט אויף דער וועלט אויף א פארנעם, וואס מיר זענען נישט געווען בכוח צו דערטראגן, דער בעש"ט איז נישט געווען קיין גאון, קיין צדיק, קיין בעל מידות, קיין פרוש, קיין מקובל, קיין גוטהארציגער מענטש , קיין מסירת נפש איד, קיין בעל רוח הקודש, קיין נביא, קיין קדוש, ער איז געווען דאס אלעס, אבער אסאך מער.

ער האט דאס אלעס געהאט און די אלע מדרגות זענען אין זיין פערזענליכקייט געווען פארקערפערט בתורת "לא זו - אף זו", אן "אף זו "וואס איז גרעסער ווי סיי וואס צו וואס מיר האבן סיי וועלכן שייכות.

מערקווידיג איז דאס וואס ווערט אראפ געברענגט אין "ספרן של צדיקים", אז דער הייליגער מאור עינים מטשערנאביל זי"ע, איז אמאל געווען אין מעזיבוזש אינמיטן ווינטער, ווען אינדרויסן האט געבוזשעוועט א שווערער ווינט, א גרויסער שניי איז געפאלן, וואס האט פאראורזאכט א געפערליכע זאווערוכע אין שטעטל, דער צדיק איז געשטאנען ביים ציון פון בעש"ט אן די שיך, צוליב די קדושת המקום .

ווען די תלמידים האבן אים געפרעגט, רבי, עס הערשט דאך אן אויסטערלישע קעלט, ווי קען דער רבי אזוי שטיין איצט, האט דער רבי געענטפערט, דער בעש"ט האט אהער געברענגט דעם אוירא דארץ ישראל", די לופט פון א"י, און אין א"י איז אצינד ווארעם, דעריבער שפיר איך נישט קיין שום קעלט.

## יארצייט ז' סיון ב' שבועות

### נעים זמירות ישראל, דוד בן ישי ע"ה ,דוד המלך, מחבר ספר תהלים

דוד המלך איז געבוירן בשנת ב' אלפים, תתנ"ד .צו זיין טאטע ישי, און זיין מאמע נצבת בת עדאל.

עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים, אז דער אויבערשטער האט געוויזן פאר אדם הראשון ,אלע דורות וואס גייען געבוירן ווערן, און ווען אדם הראשון האט געזען די נשמה פון דוד המלך, האט ער געזען, אז ער האט נישט קיין לעבן, האט ער אוועק געגעבן פון זיין לעבן זיבעציג יאר פאר דוד המלך, און צוליב דעם האט אדם הראשון געלעבט ניין הונדערט און דרייסיג יאר, און דוד המלך האט געלעבט זיבעציג יאר .

מיר געפונען אין חז"ל, אז אלעס וואס משה רבינו ע"ה האט געטוען פאר די אידן, האט אויך דוד המלך ע"ה געטוען פאר די אידן.

משה רבינו האט ארויס געצויגן די אידן פון מצרים, דוד המלך האט ארויס געצויגן די אידן פון שעבוד גלויות.

משה רבינו האט מלחמה געהאלטן מיט די שונאים, דוד המלך האט מלחמה געהאלטן מיט די שונאים.

משה רבינו האט געשפאלטן דעם ים, דוד המלך האט געשפאלטן טייכן .

משה רבינו האט געבויעט א מזבח, דוד המלך האט געבויעט א מזבח .

משה רבינו האט געגעבן פאר די אידן חמשה חומשי תורה, דוד המלך האט געגעבן די פינף ספרים פון תהלים .

אונז טאהש'ע חסידים פארמאגן א ספעציעלע קשר מיט דוד המלך נאכדעם וואס רבינו הקדוש האט אונז אזויפיל ארייגעבאקן דאס תהילים זאגן און געהאלטן און איין קאכן מיט די הייליגע תהילימ'ל. ווי עס איז פאר יעדעם באקאנט די הייליגע עבודה פון רביה"ק פון תהילים זאגן.

וועלן מיר יעצט ברענגען א מעשה וואס רבינו הקדוש האט פארציילט איבער די גרויסקייט פון תהילים זאגן.

די הייליגע רבי זי"ע פארציילט א מעשה, וואס איז געווען אין שטאט פולנאה, מיט א שניידער, וואס האט יעדע טאג אויס געזאגט תהלים ביי די חלקה זיינע אין די בית החיים, אויך פלעגט ער ארום לייגען מטבעות ארום די מקום ,אין דערנאך פארטיילט דאס געלט פאר צדקה .

ווען הרה"ק רבי ארי' לייב בעל קול ארי המוכיח מפולנאה זי"ע איז געקומען משמש זיין ברבנות אינעם שטאט פולנאה, האט ער געזעהן א אור גדול שיינט

אויף יענע פלאץ אינעם ביה"ח, האט ער געפרעגט צו וועם באלאנגט די פלאץ, האט מען געענטפערט פאר דעם שניידער .

האט ער אים געלאזט רופען, און אים געבעטן ,אז ער וויל באערדיגט ווערן דערנעבן, האט די שניידער געזאגט, אויב אזוי וועט נישט זיין פלאץ פאר אים, האט רבי לייב מוכיח אים מבטיח געווען ,אז ס'וועט זיין פלאץ פארביידע און עס געשריבען בכתב און גע'חתמ'ט דערויף, און אזוי האט דער שניידער מסכים געווען אוועק צו געבן זיין חלקה פארן צדיק.

רבי לייב מוכיח זי"ע איז אוועק בעפאר דעם שניידער, און מ'האט אים טאקע באערדיגט אויף יענעם פלאץ, נאך דעם איז געקומען די תולדות יעקב יוסף זי"ע משמש זיין ברבנות אין שטאט פולנאה, און אויך ער האט געזען די אור גדול אויף די פלאץ, און ער האט אויך געוואלט דארט ליגן אחר מוע"ש, און דער צדיק רבי יעקב יוסף האט אויך געבעטען דעם שניידער, און אויך צו געזאגט אז ס'וועט זיין פלאץ פאר אים .

אין ווען די שניידער איז נסתלק געווארן נאך עטליכע יאהר, איז נישט געווען קיין פלאץ ווי צו באגראבן דעם שניידער, מען האט געברענגט די שטרות און מ'האט עס פארגעליינט פאר די צוויי ציונים הקדושים, האט מען געזען ווי די ווענט ריקען זיך אוועק, און ס'איז געווארען א נייע פלאץ פאר דעם שניידער .

ביז די וועלט מלחמה פארציילט מען, אז מען האט געקענט זעהן ווי די וואנט פון די אוהל שטייט שיף העכער די קבר פון די שניידער, און היינט צו טאגס קען מען אהין גיין ווי די דריי זענען נטמן צוזאמען, פירט אויס די הייליגע רבי זי"ע, קוק וואס א כוח תהלים זאגן האט, אז אפילו א פשוטע איד זאגט תהלים און גיט צדקה, האט ער ממשיך געווען א אור גדול און די בחינה פון ציון וירושלים.

**זכותם הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

# זמנים פון יו"ט שבועות הבעל"ט

## דאנערשטיג ערב יו"ט:

חדר אזוי ווי יעדע פרייטאג

## אסרו חג – זונטאג:

חדר הייבט זיך אן פאר אלע כתות

**11:30**

די באס וועט אנהייבן די רוט

**10:30**

די רוט וועט זיין אזוי ווי פרייטאג ביים אהיים גיין

**ובאו כלם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד**

# ברכת מזל טוב

## פאר ידידינו עוז

## מו"ה ישראל מאיר גלויבער הי"ו

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים

לרגל שמחת הולדת בתו למז"ט

## אן עקסטערע מזל טוב

## פאר הילד החשוב כמר יודי ני"ו

פון נודסערי

אז זיין מאמע האט געבוירן א מיידל בעבי

## אויף שמחות געזונטערהייט

**א גוט יו"ט**

**ווינטשט**

**קהלת המגידות**

טאהש

מיסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו

# הרתודה והברכה

הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י
ידידינו היקר העומד לימינינו

## מו"ה גד יהודה באשינסקי הי"ו

באס דרייווער במוסדותינו הקדושים

## לזכותו ולזכות כל התלמידים

וכזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה